19 מיר אָבער ווייסן, אַז וואָס די תורה זאָגט, איז
עס גערעדט געוואָרן צו די, וועלכע זענען אונטער
דער תורה, כדי יעדעס מויל זאָל פֿאַרשטאָפּט ווערן
און די גאַנצע וועלט זאָל זיין שולדיק פֿאַר ג־ט;
20 צוליב דעם, וואָס דורך די מעשים פֿון דער תורה
וועט קיין בשר (ודם) נישט גערעכטפֿערטיקט ווערן
פֿאַר אים; וואָרום דורך דער תורה קומט די פֿולע
דערקענטעניש פֿון זינד.
21 איצט אָבער האָט זיך, אויסער דער תורה, באַוויזן
די גערעכטיקייט פֿון ג־ט, וועגן וועלכער סײַ די
22 תורה סײַ די נביאים האָבן עדות געזאָגט: די גערעכ־
טיקייט פֿון ג־ט, דורך אמונה אין ישועַן דעם משיח,
פֿאַר אַלע, וואָס גלייבן ווייל עס איז נישטאָ
23 קיין חילוק; וואָרום אַלע האָבן געזינדיקט און
24 געפֿעלט אין דער הערלעכקייט פֿון ג־ט; און
ווערן גערעכטפֿערטיקט פֿריי דורך זיין חסד דורך
25 דער אויסלייזונג פֿונעם משיח ישועַ; וועמען ג־ט
האָט פֿון פֿריער באַשטימט אַלס אַ כּפּורת (אָדער,
פֿאַרגעבונג) דורך אמונה אין זיין בלוט, כדי צו
ווייזן זיין גערעכטיקייט דורך דעם פֿאַרגעבן די
פֿון פֿריער באַגאַנגענע זינד, אין ג־טס לאַנגמוטי־
26 קייט; כדי צו ווייזן זיין גערעכטיקייט אין דער
איצטיקער צייט און אַז ער אַליין איז גערעכט און
דער גערעכטפֿערטיקער פֿון דעם, וואָס גלייבט אין
27 ישועַן. וואו זשע איז די באַרימערײַ? זי איז
אויסגעשלאָסן. דורך וואָס פֿאַר אַ תורה? צי פֿון
מעשים? ניין, נאָר דורך דער תורה פֿון אמונה.
28 וואָרום מיר דרינגען אַרויס, אַז אַ מענטש ווערט
גערעכטפֿערטיקט דורך אמונה אָן די מעשים פֿון
29 דער תורה. צי איז דען ג־ט בלויז דער ג־ט פֿון די
ייִדן? צי איז ער דען נישט אויך (דער ג־ט) פֿון די